בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

מתוך ס"ג ש"ק
ויו"ט א' דפסח תשפ"ב

יו"ל יו"ט פסח תשפ"ג



**לזכר נשמת**

**אדונינו מורינו ורבינו קדוש ישראל ותפארתו,**

**רבינו הפני מנחם זצוקללה"ה**

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**

לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**

לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

**ביי** תפלת טל זאגען מיר **'להאיר מתוך חשיכה כנה אחריך משוכה'**. און אין יו"ט פסח ליינען מיר און מיר לערנען **'שיר השירים'**, און ס'האט א שייכות מיט'ן יו"ט פסח, ווייל ס'שטייט דארט א פסוק (א, ד) **'משכני אחריך נרוצה'** - און דאס איז די באדייט פון 'כנה אחריך משוכה'. און ס'האט נאך א שייכות צו יו"ט פסח, ווייל ס'שטייט אין **מכילתא** (בא פר' יא, וכן בירושלמי קדושין פ"א ה"ד) 'משכו וקחו לכם' - 'בא הפסח ללמדך על בהמה דקה שהיא נקנית במשיכה' [ואף שהוא דין דרבנן, מ"מ אסמכוה אקרא]. און דער **תפארת שלמה** (פר' ויחי עה"פ האספו) [און אזוי ווערט אויך געברענגט פון די **חידושי הרי"מ** זי"ע (עי' לקוטי הרי"מ לפסח - שה"ש עה"פ משכני אחריך)] געבט צו פארשטיין די פסוק 'משכני אחריך נרוצה', אז מיר בעטען פון אייבערשטען אז ער זאל אונז ציעהן צו זיך מיט'ן מידת החסד און מיר זאל'ן איהם נאכלויפען, ווייל אט ווערט געשילדערט אין די גמרא (קדושין כב:) אז ס'איז דא צוויי אופנים אין קנין משיכה, איין אופן איז **'הכישה במקל ורצתה לפניו'** - דער וואס שלאגט געפינט זיך פון אינטער דער בהמה, און דער אנדערע אופן איז **'קורא לה והיא באה'** - וואס על פי פשוטו איז משמע פונעם לשון אז ס'רעדט זיך אז ער שטייט פאראויס פאר'ן בהמה [הגם דאיתא בגמרא (פסחים קיב:) שיש קול מיוחד [לחש] שהחיות מבינות - וזה לכאורה גם כשהקורא עומד מאחוריה], און מיר בעטען אז די 'משיכה' צום רבונו של עולם זאל נישט זיין בבחינת 'הכישה במקל', נאר ס'זאל זיין בדרכי נועם - אין א אופן פון 'קורא לה והיא באה', אז מיר זאל'ן הערען דעם קריאה פונעם רבונו של עולם, און מיר זאלען ווערען צוגעצויגען צו איהם בלויז מיט'ן כח פונעם קריאה אליינט, און אויפדעם בעטען מיר **'משכני אחריך נרוצה'** - בבחינת 'קורא לה והיא באה', אז דער אייבערשטער געפינט זיך פאר אונז, אז מיר זאלען האבען דעם רצון נאכגעצויגען ווערען נאך איהם ית"ש.

**אבער** מיר דארפען זיך מתבונן זיין אין

זיינע הייליגע ווערטער, ווייל טאקע געוויס ביי א בהמה העלפט קנין משי־כה ביי 'קורא לה והיא באה', וויבאלד א בהמה איז 'אדעתא דמרה אזלה', אבער ס'שטייט דאך אין די גמרא (קדושין שם) אז ביי '**קנין עבדים**' העלפט נישט קיין משיכה פון '**קורא לה והיא באה**', ווייל א מענטש איז '**אדעתיה דנפשיה קאזיל**' [ואף אם כייף את עצמו לאדון, הרי זה מדעתו שהחליט לכפוף את עצמו], און נאר ביי א עבד קטן וואס האט נישט קיין דעת, און ער איז צוגעגליכען צו א בהמה - קען 'נקנה' ווערען מיט א 'קנין משיכה' פון 'קורא לה והיא באה'. און אויב אזוי איז שווער, וויא אזוי בע־טען מיר 'משכני אחריך נרוצה' - אז ס'זאל זיין אין א אופן פון 'קורא לה והיא באה'.

**און** ס'וועט ערקלערט ווערען בהקדם די ווערטער פונעם **שפת אמת** (חודש אלול תרמ"ב) וואס איז מבאר דעם פסוק וואס מ'זאגט בימי הרחמים והרצון 'דעו כי ה' הוא אלקים הוא עשנו ולו אנחנו עמו וצאן מרעיתו' (תהלים ק, ג), ס'דא א 'קרי' און א 'כתיב' - לו מיט וי"ו און 'לא' מיט א אל"ף, און ווי ווייט ס'איז 'לא אנחנו' - אז דער מענטש פארש־טייט אז ער מצד עצמו איז גארנישט, און ער האט נישט קיין שום קיום און מציאות כלפי דער אייבערשטער, און ער איז זיך אינגאנצען מבטל, אזוי נאך איז 'לו אנחנו' - האט ער א שייכות צום רבונו של עולם [עי"ש בשם החידושי הרי"מ זי"ע]. און דער **שפת אמת** ברע־נגט צו דער פסוק אין יחזקאל (לד, לא) '**ואתנה צאני צאן מרעיתי אדם אתם**', און ער ערקלערט אז די אומות העולם וואס ווערען נישט אנגערופען 'אדם' (יבמות סא.), זיי האבען בכלל נישט קיין בחינת ביטול, און דייקא די יודען וואס אויף זיי איז געזאגט געווארען 'אדם אתם', וואס זיי האבען די דעת זיך מבטל צו זיין, און אזוי וויא ס'שטייט אין חז"ל (חולין ה:) 'אדם ובהמה תושיע ה'' (תהלים לו, ז) - שערומין בדעת ומשימים עצמן כבהמה, ד. ה. אז זיי קענען נישט צו קומען צו א ביטול נאר דורכדעם וואס זיי זענען 'ערומין בדעת', און זיי פאר־שטייען זיך מבטל צו זיין.

**און** דער שפת אמת ערקלערט אז לכאורה איז דא א סתירה אין די צוויי פסוקים, אין תהלים שטייט '**הוא עשנו**

**ולו אנחנו עמו וצאן מרעיתו'** - אז די יודישע קינדער האלטען זיך קליין און זאגען אז בעצם זענען מיר 'עַמוֹ' - בחי־נת 'אדם', און דורכ'ן קירוב וואס דער אייבערשטער האט אונז מקרב געווען צו זיך, זענען מיר צוגעקומען צום בי־טול און מיר זענען 'צאן מרעיתו'. און אין יחזקאל שטייט פארקערט **'צאן מר־עיתי אדם אתם'**, כביכול דער אייבער־שטער איז נישט מחזיק טובה לעצמו, און ער זאגט 'צאן מרעיתי' - ווייל די יודישע קינדער פון נאטור אן האבען זיי ביטול און ווערען נאכגעצויגען נאך איהם ית"ש, און דייקא דורכ'ן ביטול האבען זיי זוכה געווען זיך צו דערנ־ענטערען, צו ווערען 'אדם אתם'. און ער איז מבאר אז מ'דארף האבעןביידע בחינות, אנהייבען מיט א ביטול - און דורכ'ן ביטול זיך צו דערנענטערען צו איהם ית"ש, און אויך פארקערט, דור־כדעם וואס מען דערנענטערט זיך צו איהם, ממילא ווערט מען בטל אין די אייגענע אויגען.

**און** דאס איז די עבודה פון **'משכני אח־ריך נרוצה'** - דייקא נאכדעם וואס מיר זענען 'אדם', דארפען מיר זיין מיט א געפיהל פון א ביטול צום אייבערשטען בתכלית הביטול, ווייל ס'איז נישט קיין חידוש ביי א בהמה און א עבד קטן אז זיי ווערען נקנה במשיכה, נאר מיר - **'עמו'** און מיר ווערען אנגערופען **'אדם'**, דורכדעם וואס מיר זענען זיך מתבטל צום אייבערשטען - קענען מיר 'נקנה' ווערען צו איהם מיט א 'קנין' פון 'קורא לה והיא באה'. און אויפדעם בעטען מיר ביי תפלת טל **'כנה אחריך משוכה'** [און חז"ל זאגען (ויק"ר כז, א) 'אמרו יש־ראל רבונו של עולם כאדם אנחנו, כבה־מה תושיענו לפי שאנו נמשכין אחריך כבהמה, הה"ד משכני אחריך נרוצה'].

**און** דער כוונה אין וואס מיר זאגען **'להאיר מתוך חשיכה'**, איז אזוי וויא ס'שטייט אין די גמרא (שבת עז:) 'רבי זירא אשכח לרב יהודה דהוה קאי אפי־תחא דבי חמוה, חזייה דהוה בדיחא דע־תיה, ואי בעי מיניה כל חללי עלמא הוה אמר ליה, אמר ליה מאי טעמא עיזי מסגן ברישא [רש"י - מהלכות בראש העדר] והדר אימרי, אמר ליה כברייתו של עולם דברישא חשוכא והדר נהורא [סתם עיזים שחורות סתם רחלות לב־נות]'. און אוודאי אויך בשעת ווען ער

איז געווען בדיחא דעתיה האט רבי יהודה נישט גערעדט סתם דברים של מה בכך, וויא אויך וואלט דאס נישט אריינגעגאנגען אין די גמרא, נאר אין אלע רייד פון די גמרא איז פארהאן 'רמיזא דחכמתא' און אינערליכע טיפע זאכען.

**וי"ל** על דרך העבודה, אז אט איז דא אסאך מאהל כל מיני ערליי 'הסתרות' און 'חשכות', און טראצדעם וואס עס דאכט זיך פאר'ן מענטש אז בשעת'ן הסתר און חשכות איז די ליכטיקייט זייער קליין, אבער דער אמת דערפון איז פארקערט, ווייל די וועלט מטב־ע פארשטעלט און דעקט צו די הנה־גה פונעם אייבערשטען, און אויף די וועלט ווען עס איז דא פינסטערקייט ווייזט דאס אז ס'דא נאך א גרעסערע ליכטיגקייט, און אזוי וויא ס'שטייט אין ספה"ק אז דערפאר איז מען ממשמש אינעם תפילין של ראש בשעת מען זאגט 'ובורא חושך' (עי' לקוטי תורה שה"ש דף ד טו"ג, דף מב טו"ד), ווייל ווען מיר פארשטייען די הנהגה פונעם אייבער־שטען, אפילו נאר אביסעל, דעמאל־טס קומט אויס אז די אמת'ע ליכטי־קייט איז ווייניגער, ווייל דייקא אינעם 'חושך' און אינעם 'הסתר' איז דא אזיין גרויסער ליכטיגקייט, וואס דער אייב־ערשטער געפינט זיך דארט, עד כדי אז מ'קען איהם בכלל נישט זעהן דארטען. און אזוי וויא ספה"ק טייטשען די פסוק (יתרו כ, יח) '**ומשה נגש אל הערפל אשר שם האלקים**', אז דייקא אין די 'ערפל' [וואס איז אסאך שווערער וויא חושך און ענן (עי' רש"י שם)] 'שם האלקים'. און דעריבער איז די סדר 'ברישא חשו־כא והדר נהורא', ווייל דייקא אין די טינקעלקייט - בחשוכא, באהאלט זיך א גרויסע ליכטיקייט - נהורא הגדול ביותר.

**און** די 'חשכות' ווערט מרומז דייקא ביי די 'עיזי דמסגן ברישא', ווייל ס'שטייט אין די גמרא (ב"ב לו.) הגודרות אין להן חזקה, מלבד עיזי דמסירה לרועה - מתוך שמשונות הן יותר מאילים וכ־בשים ואין אדם יכול להחזיק בהן בדרך [שהרי משום שהם מזיקים אסור לגדל בהמה דקה בארץ ישראל (ב"ק עט:)] לפיכך יש להן חזקה, פרעגט די גמרא '**והא איכא צפרא ופניא**' - אז אינדער־פרי גייען זי יעדער איינער באזונדער

פון די שטוב פונעם בעל הבית ביז די שטוב פון די פאסטוך, און אין אוועק־נט ברענגט זיי די פאסטוך צוריק פון פעלד ביז אינמיטען שטאט, און יעדער איינער גייט אליינט צו די הויז פונעם בעל הבית, ענטפערט די גמרא בנהר־דעא טייעי שכיחי - בנהרדעא [עי"ש בגמ'] שכיחי ישמעאלים גנבים, 'מידא לידא משלמי' - פון די האנט פון די בעל הבית צו די האנט פון די פאס־טוך אינדערפרי, און פון די האנט פון די פאסטוך צו די האנט פון די בעל הבית אווענט, און זיי גייען בכלל נישט אליינט. און מ'קען מסביר זיין דברי חכמים, אז בשעת וועז ס'דא 'עיזא' - א הסתר און א חשכות, דארף מען געד־ענקען און וויסען 'שאני עיזי דמסירה לרועה' - אז מ'דארף א שטארקע און א קלארע אמונה אז דער אייבערשט־ער געבט אכטונג אויף אונז אין יעדער פרט און פרט, און אויב ס'איז פאראן גויים וואס טשעפען זיך מיט אונז - אזוי וויא למשל די אראבערס א.ד.ג., דעמאלט געבט דער אייבערשטער מער אכטונג אויף אונז - 'מידא לידא משלמי', אז דער אייבערשטער געפינט זיך מיט אונז אין יעדער צושטאנד און אין יעדער ארט, אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (תהלים עג, כג) 'אָחַזְתָּ בְּיַד יְמִינִי'.

**דאס** **איז די יסוד פון יו"ט פסח, די יסו־דות פון אמונה, צו וויסען און צו גלייבען אז קיין שום זאך ווערט נישט געטוהן פון זיך אליינט, און שטענדיג איז דא אן השגחה פרטית**, און דאס איז דאך פון די יסודות וואס דער **הייליגע בעש"ט זי"ע** האט אונז אויסגעלערנט און אוועק געשטעלט.

**און** דאס איז דער סוד וואס ס'שטייט ביי 'חד גדיא', **'חד גדיא דזבין אבא בתרי זוז'** - אז דער אייבערשטער האט אונז געקויפט מיט די 'שני לוחות הברית', **'גדיא'** - אז אויך בשעת ווען ס'איז טינקעל - חשוכא, ווערען מיר נאכגעשלעפט נאך איהם ית"ש מתוך אמונה אז אויך אלע סארטען טינקעל־קייטען איז פון איהם ית"ש מיט אן פו־נקטליכען השגחה. **'ואתא שונרא ואכלא לגדיא'** - ווייל ס'שטייט אין די גמרא (הוריות יג.) 'חתול אינו מכיר את קונו', ד. ה. אז א קאץ איז דער סימבאל אויף שכחת הבורא ית"ש, וואס מ'פרעגט 'היכן אבא'. **'ואתא כלבא ונשך לשונרא'** - אויב דו ביסט בבחינת 'שונרא' וואס

פארגעסט פונעם טאטע אין הימעל, קומט דער הונט און בייסט, און דורכ־דעם ערוועקט מען זיך צו וויסען 'היכן אבא' און מ'שרייט אבא אבא, אזוי וויא חז"ל זאגען (תנחומא יתרו ג) ביי ביאת עמלק. אבער ס'דא א בעסערע עצה זיך צו דערמאנען פונעם אייבערשטען, און דאס איז **'ואתא חוטרא והכה לכלבא'** - ווייל משה רבינו ע"ה האט אוועק גע־נומען עמלק, און דאס איז געווען דורך די **'מטה'** אזוי וויא ס'שטייט (בשלח יז, ט) 'מחר אנכי נצב על ראש הגבעה ומטה האלקים בידי', און ווען ער הייבט אויף זיינע הענט ווערען יודען נתעורר און זיי זענען משעבד לבם לאביהם שב־שמים (ר"ה כט.). אבער **'ואתא נורא ושרף לחוטרא'**, די פייער פונעם יצר הרע - 'נורא בי עמרם' (קדושין פא.) - פארברענט די התעוררות. און צודעם דארף מען האבען די עצות אנטקעגען די יצר הרע וואס מאכט אונז פארג־עסען דער צוועק נאך וואס מיר זע־נען דא אראפ געקומען אויף די וועַ־לט. **'ואתא מיא וכבה לנורא'**, דורך די תורה וואס איז צוגעגליכען צו וואסער (תענית ז. ב"ק יז.) לעשט מען אויס די פייער פונעם יצר הער. אבער **'ואתא** **תורא ושתא למיא'**, אויב 'שותה כמים עַוְלָה' (איוב טו, טז) וואס חז"ל האבען גערדרשנ'ט (יומא עב:) אז ס'גייט ארויף אויף איינער וואס לערנט די תורה און ער איז נישט תוכו כברו, און **'לב אין'** (משלי יז, טז עי' יומא שם) אזוי וויא א בהמה, דעמאלט דארף מען צוקומען צו די עצה פון 'יזכיר לו יום המיתה', און דאס מיינט **'ואתא השוחט'**, און אזוי אויך **'ואתא מלאך המות'**, אזוי וויא חז"ל זאגען (ברכות יז.) 'סוף אדם למות וסוף בהמה לשחיטה והכל למיתה הם עומדים, אשרי מי שגדל בתורה ועמ־לו בתורה ועושה נחת רוח ליוצרו וגדל בשם טוב ונפטר בשם טוב מן העו־לם', זעה דארט די מהרש"א אין חידושי אגדות. ביז **'ואתא הקב"ה'**, אז ס'וועט ווערען אנטפלעקט דער רצון פונעם אייבערשטען אויפ'ן וועלט, און ס'וועט בטל ווערען דער ענין פון מיתה, ווייל ס'וועט אינגאנצען בטל ווערען די יצר הרע דורך די אייבערשטער.

**און** אט ווען מען זאגט 'חד גדיא', איז דאס די העכסטע פונקט פונעם ליל הסדר, און ס'איז נישט סתם א געזאג־עכטץ, נאר נאך די גאנצע עבודת הלי־

לה ענדיגט מען צו מיט'ן זאגען דעם פיוט 'חד גדיא', אריין צו ווארצלען אין אונז אמונה - וואס דאס איז די תכ־לית פונעם עבודת הלילה, צו וויסען אז דער רבונו של עולם געפינט זיך אין יעדען פינסטערניש און אין יעדען פארשטעלעכץ, און ווען מען גלייבט דערין מיט'ן גאנצען הארץ, דעמאלט איז מען זוכה 'להאיר מתוך חשיכה' - אז ס'זאל מקויים ווערען 'תאיר כאור יום חשכת לילה', זיך צו דרייען אויף אויף די וועלט וואס איז 'דומה ללילה', מיט א געפיהל פון 'יום', **מיט א אמונה און א וויסענשאפט אז דער רבונו של עולם געבט אויף אונז אכטונג און ער האלט אויף אונז א אפענע אויג, און קיין שום זאך ווערט נישט געטוהן פון זיך אליינט, מ'כאפט נישט און מ'טוהט נישט אליינט - נאר אלץ ווערט געטוהן דורכ'ן אייבערשטען ית"ש, און דער איינצי־**גסטע זאך וואס דער מענטש טוהט פון זיך - איז די פינטעלע פון יראת שמים - 'מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה' (עקב י, יב ועי' ברכות לג:), די קליינע פינטעלע פון זיך צובייגען צו טוהן דער רצון הבורא, אבער אלץ אנדערש ווערט געפירט דורכ'ן רבונו של עולם, און מען דארף געדענקען און גלייבען מיט'ן גאנצען הארץ אז ס'דא ווער וואס פירט אונז אויף יעדער טריט און שריט, לאז דיך נאר פיר־עהן - בבחינת 'כנה אחריך משוכה', און אלעס וועט זיין אויפ'ן בעסטען אופן - על צד היותר טוב.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען אז ס'זאל מקויים ווערען אין אונז 'משוך עבדך אל רצונך', אז מיר זאלען נאכג־עצוגעצויגען ווערען מיט גוטע זאכען, מיט א אמת'ע משיכה, מיט א משיכה פון 'רצון' און א משיכה פון 'אהבה'.